**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 09/27/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**דורכאויס קלימאט וואך NYC, האט גאווערנער האקול געמאלדן רעקארד שטאפל פון פינאנצירונג געגעבן פאר ניו יארק פארמס צו אדרעסירן ווירקונגען פון קלימאט טויש**

***מער ווי 33 מיליאן דאלאר געגעבן דורך די סטעיט'ס קלימאט ווידערשטאנדהאפטיגע פארמינג גרענט פראגראם וועט העלפן פארמס פארמערן דויערהאפטיגקייט באמיאונגען און ווידערשטאנדהאפטיגקייט צו עקסטרעמע וואסער געשעענישן***

***געגעבענע פראיעקטן וועלן פארמינערן גרינהאוז גאזן מיט א געשאצטע 120,000 מעטרישע טאנען פון CO2E פער יאר, האבנדיג א כמעט דאפלטע ווירקונג ווי די פריערדיגע רונדע פון פינאנצירונג***

***מער ווי האלב פון געגעבענע פראיעקטן זענען נייע אנטיילנעמער, באווייזנדיג די וואקסנדע דערגרייכונג און ווירקונג פון די פראגראם***

***קלימאט שטאנדהאפטיגע פארמינג גרענט פראגראם שטיצט די גאווארנער'ס לאנד-פירנדע קלימאט אגענדא און די סטעיט'ס קלימאט פירערשאפט און געמיינדע באשיצונג אקט***

ווען וועלט פירערס נעמען זיך צאם אין ניו יארק דורכאויס קלימאט וואך NYC 2024, האט גאווארנער האקול היינט באצייכנט די סטעיט'ס לאנד-פירנדע קלימאט באמיאונגען, אריינרעכענענדיג געבן א רעקארד שטאפל פון פינאנצירונג-מער ווי 33 מיליאן דאלאר-צו פארמס דורך די קלימאט שטאנדהאפטיגע פארמינג גרענט פראגראם (Climate Resilient Farming Grant Program). פינאנצירטע פראיעקטן צילן צו העלפן ניו יארק'ס פארמערס פארמינערן גרינהאוז גאז עמיסיעס, באשיצן וואסער, פארזיכערן ערד-געזונט, און פארמערן אויפן-פארם שטאנדהאפטיגקייט צו די ווירקונגען פון א טוישנדע קלימאט. אלעס צוזאמען, זענען די פראיעקטן געשאצט צו פארמינערן גרינהאוז גאזן מיט 120,000 מעטרישע טאנען פון קארבאן דיאקסייד פער יאר - די גלייכע מאס פון עלימינירן 28,560 גאזאלין געפירטע אוטאמאבילן פון די גאס פאר איין יאר. דאס איז א כמעט דאפלטע ווירקונג פון די פריערדיגע רונדע פון די פראגראם. געלטער פאר די פראגראם איז אריינגערעכנט געווארן אין די ניו יארק סטעיט 2025 פיסקאלע יאר אקטיווע בודשעט אלס טייל פון די סטעיט'ס אגרעסיווע קלימאט אגענדא און איז געשטיצט דורך נאך פעדעראלע געלטער דורך א USDA קלימאט קלוגע קאמאדיטיס גרענט.

"ניו יארק סטעיט פירט די פאלק אין די קאמפ אנטקעגן קלימאט טויש, און אונזער רעקארד אינוועסטירונג אין די קלימאט שטאנדהאפטיגע פארמינג פראגראם איז נאר איין טייל פון מיין אדמיניסטראציע'ס שטרעבנדע באמיאונגען צו באשיצן אונזערע עקאסיסטעמען און שאפן די גרינע צוקונפט וואס קומט זיך פאר אלע ניו יארקערס," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "די פראגאם געבט פאר פארמערס די מיטלען אין וואס זיי נויטיגן זיך צו פארמינערן זייער ווירקונג אויף די אומגעבונג, צוגרייטן פאר און

ענטפערן צו סיי וועלכע וועטער געשעענישן די צוקונפט האלט, און אנגיין מיט זייער קריטישע ארבעט צוגעבנדיג צו אונזערע לאקאלע עקאנאמיעס."

געפירט דורך קאונטי ערד און וואסער קאנזערוואציע דיסטריקטס ( county Soil and Water Conservation Districts, SWCD), א טאטאל פון 70 פראיעקטן וועלן ווערן איינגעפירט אויף 184 פארמס דורכאויס ניו יארק סטעיט. זיי זענען געשטיצט דורך 16.14 מיליאן דאלאר פון סטעיט געלטער, פלאס נאך 17 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע געלטער. פון די 70 צוגעטיילטע פראיעקטן, נעמען 39 אריין א נייע פארם אנטיילנעמער, באווייזנדיג די וואקסנדע דערגרייכונג און ווירקונג פון די פראגראם.

oSWCD זענען געגעבן געווארן די גרענטס צוליב די פארמערס אין איינס פון די זעקס טרעקס:

- טרעק A1: בהמות פארוואלטונג: אלטערנאטיווע אפפאל פארוואלטונג און פונקטליכע פיטערן פארוואלטונג (ניו יארק סטעיט געלטער)
- טרעק B1: איבערדעקן בהמה אפפאל סטארעדזש און מעטעין גאז אפכאפונג פראיעקטן (פעדעראלע געלטער)
- טרעק 2: באארבעטונג און שטאנדהאפטיגקייט (ניו יארק סטעיט געלטער)
- טרעק A3: געזונטע ערד NY סיסטעמען און בעסטע פארוואלטונג פראקטיצירונגען וואס שטיצן ערד געזונטהייט און אגראפארעסטרי (ניו יארק סטעיט געלטער)
- טרעק B3: ערד געזונטהייט סיסטעמען (פעדעראלע געלטער)
- טרעק 4: אגריקולטורעלע וואלד פארוואלטונג (פאר קארבאן איזאלירונג) (ניו יארק סטעיט געלטער)

די קלימאט שטאנדהאפטיגע פארמינג גרענט פראגראם פאלגט נאך די סטעיט'ס [אגריקולטורעלע ענווייראמענטאלע פארוואלטונג פלאנירונג ראם] און איז געפירט און איינגעפירט דור קאונטי oSWCD. קאונטי SWCD'ס ארבעטן מיט פארמס און קאמיוניטיס צו היטן אויף נאטורליכע אוצרות און אדרעסירן ענווייראמענטאלע פראבלעמען און געלעגנהייטן. oSWCD אין די פאלגנדע ראיאנען זענען געגעבן געווארן גרענטד דורך רונדע 8 פון די פראגראם:

- **Capital Region:** $3,152,885 געגעבן צו ארבעטן מיט 11 פארמס
- **Central New York:** $8,241,829 געגעבן צו ארבעטן מיט 36 פארמס
- **Finger Lakes:** $12,948,325 געגעבן צו ארבעטן מיט 67 פארמס
- **Long Island:** $118,763 געגעבן צו ארבעטן מיט פיר פארמס
- **Mid-Hudson:** $166,400 געגעבן צו ארבעטן מיט פינף פארמס
- **Mohawk Valley:** $608,797 געגעבן צו ארבעטן מיט פינף פארמס
- **North Country:** $3,439,282 געגעבן צו ארבעטן מיט 20 פארמס
- **Southern Tier:** $2,827,378 געגעבן צו ארבעטן מיט 19 פארמס
- **Western New York:** $1,655,677 געגעבן צו ארבעטן מיט 12 פארמס

אין טאטאל, זענען די צוגעטיילטע פארמס אויסגעשטעלט איינצופירט 98,000 עיקער פון דעקונג געוויקסן, 23 עיקער פון ריפאריען שיצונג (riparian buffers), און ניין אפפאל דעקונג סטארעדש און פלעיר סיסטעמען - די מערסטע אין אן איינציגע רונדע, וועלכע וועט צושטעלן די גרעסטע געשאצטע גרינהאוז גאז עמיסיע פארמינערונג פאר א איינציגע פראקטיק פאר די פראגראם ביז יעצט. פאר א פולשטענדיגע ליסטע און באשרייבונגען פון צוגעטיילטע פראיעקטן, ביטע [באזוכט די אפטיילונג פון אגריקולטור און מארקעטס' וועבזייטל].

**סטעיט אגריקולטור קאמישענער ריטשארד א. באל האט געזאגט,** "פארמערס זארגן זיך שטארק פאר די געזונט און לעבהאפטיקייט פון ניו יארק'ס ארבעטנדע לאנדשאפטן. ארבעטנדיג צוזאמען מיט קאונטי ערד און וואסער קאנזערווירונג דיסטריקטס דורכאויס די סטעיט, זענען אונזערע פארמערס איבערגעגעבן

צו פראדוצירן עסן אין א וועג וואס פארמינערט זייער ענוויראמענטאלע אפדרוק און באשיצט אונזער נאטורליכע מיטלען אין די זעלבע צייט. מיט די רעקארד-שטעלנדע שטאפן פון פינאנצירונג, פארברייטערן מיט אונזער גרייכונג צו נאך מער פארמס לענגאויס די סטעיט, העלפנדיג ניו יארק סטעיט ווייטער פירן די לאנד צו באקעמפן קלימאט טויש און פארזיכערן א געזונטע, בליענדע אומגעבונג פאר אלע."

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון ענוויראמענטאלע קאנזערוואציע צייטווייליגע קאמישענער סיאן מאהאר האט געזאגט,** "מיט 33 מיליאן דאלאר אין נייע געלטער וואס איז היינט געמאלדן געווארן, וועלן ניו יארק'ס פארמערס קענען בעסער צוגרייטן פאר די ווירקונגען פון עקסטרעמע וועטער געשעענישן וואס קומען אלס רעזולטאט פון קלימאט טויש און פארמינערן אפערירנדע ווירקונגען צו די אומגעבונג, אזוויי אויסוועלן געצייג וואס העלפט פארמינערן גרינהאוז גאז עמיסיעס און איינפירן פראיעקטן צו בעסער שטיצן ערד געזונטהייט און וואסער קוואליטעט נאך עקסטרעמע וועטער. DEC אפלאדירט גאווארנער האקול און אונזערע שותפים ביי די אפטיילונג פון אגריקולטור און מארקעטס פארן שטיצן ניו יארק פארמס און פארבעסערן דויערהאפטיגע פירונגען צו פארבעסערן די געזונטהייט און שטאנדהאפטיגקייט פון אונזערע אגריקולטורישע עקאסיסטעמען און געמיינדעס מיט רעקארד אינוועסטירונגען און צוגעבנדע איניציאטיוון אזוויי אינוועסטירונגען דורך די ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע פאסטנס ענוויראמענטאלע בונד אקט."

**ניו יארק פארם ביורא פרעזידענט דעיוויד פישער האט געזאגט,** "פארמערס זענען נאטורליכע פירערס פון די אומגעבונג. מיר נעמען אויף אינוועסטירונגען אין דויערהאפטיגקיט, ספעציעל די אינוועסטירונגען וואס העלפן פארמערס באשיצן די לאנד וואס איז זייער פרנסה. די קלימאט שטאנדהאפטיגע פינאנצירונג פראגראם שאפט א וועג פאר פארמערס צו פארמינערן גרינהאוז גאזן און נעמען פראאקטיווע מאסנאמען צו פלאנירן פאר עקסטרעמע וועטער אומשטענדן."

**אסעמבלי-פרוי דאנא לופארדא האט געזאגט,** "פאר באלד צען יאר, האט די קלימאט שטאנדהאפטיגע פארמינג פראגראם געהאלפן פארמערס אדרעסירן די ווירקונען פון קלימאט טויש דורך געפרואווטע טעכניקן און פראקטיצירונגען. איך בין צופרידן אז די רעקארד-שטאפל רונדע פון פינאנצירונג דערגרייכט אזויפיל נייע אנטיילנעמער דורכאויס די סטעיט. א דאנק צו די גאווארנער, אונזערע פעדעראלע פארטנערס, און מיינע קאלעגעס פאר זייער אנגייענדע שטיצע פאר די פראגראם און צו די ערד און וואסער קאנזערווירונג דיסטריקטן פאר זייער איבערגעגעבענע סערוויס."

**אסעמבלימעמבער דבורה גליק האט געזאגט,** "ווען פרישע וואסער קוועלער ווערט וויניגער דורכאויס'ן לאנד, איז דויערהאפטיגע פארמינג געווארן נאך וויכטיגער פאר ניו יארק און די גאנצע פאראייניגטע שטאטן. א דאנק גאווארנער האקול פאר אנגייענדע שטיצע צו פארמס און אדרעסירנדיג קלימאט טויש דורך די קלימאט שטאנדהאפטיגע פארמינג גרענט פראגראם. די פראגראם פארמערט דויערהאפטיגקייט באמיאונגען און פארמינערט גרינהאוז גאז עמיסיעס בשעת'ן באשיצן וואסער וָאערד געזונטהייט דורך פראיעקטן געפירט דורך קאונטי ערד און וואסער קאנזערווירונג דיסטריקטס," האט אסעמבלימעמבער, טשעיר פון די ענוויראמענטאלע קאנזערווירונג קאמיטע דבורה גליק געזאגט, "די יאר'ס פראיעקטן וועלן באלד דאפלען די פארמינערונג אין גרינהאוז גאז עמיסיעס בשעת'ן פארשוואכערן נוטריענט פארפעסטיגונג און שעדיגנדע אלגאל בליאונגען, באשיצנדיג טרינק וואסער, און שטיצנדיג אונזערע פארמערס און ניו יארק פארמס."

**סטעיט סענאטער פיט הארקהאם האט געזאגט,** "אונזערע פארמס שטייען אויס די נאכפאלגן פון די קלימאט קריזיס יעדן טאג. די קלימאט שטאנדהאפטיגע פארמינג גרענט פראגראם איז וויכטיג צו זייערע באמיאונגען צו בויען ערד געזונטהייט, באשיצן אונזער אומגעבונג, און פארזיכערן א דויערהאפטיגע לאקאלע עסן סופליי. איך בין באזונדער שטאלץ פון די געזונטע ערד NY פראגראם, וועלכע שטיצט א פארבינדנדע, סייענטיפישע שטרענגע ערד באשיצונג סטראטעגיע. עס איז דאן געווען אמת און איז יעצט

אמת. מיט אנגייענדע שטיצע קענען מיר געבן די כח פאר ניו יארק פארמערס צו פירן די וועג אין שטאנדהאפטיגע, קלימאט פריינטליכע אגריקולטור."

**סענאטאר מישעל הינטשי האט געזאגט,** "ווען מיר זאגן אז פארמערס זענען אויף די פראנטליניעס פון די קלימאט קריזיס, מיינען מיר צו זאגן אז זייער מעגליכקייט צו וואקסן אונזער עסן איז דירעקט פארבינדן צו די אומגעבונג ארום זיי-ווי געזונט די ערד איז, די וועטער אומשטענדן, און די ווירקונגען פון א טוישנדע קלימאט. זייער ארבעט און אונזער עסן סופליי ווענדט זיך אויף א סטאבילע און בליענדע עקאסיסטעם, און אלס א סטעיט, האבן מיר א גרויסע טייל אין די פראצעדור. די קלימאט שטאנדהאפטיגע פארמינג גרענט פראגראם איז איינס פון די הויפט איניציאטיוון וואו די סטעיט קען צושטעלן דירעקטע שטיצע צו אונזערע פארמס, העלפנדיג דערגרייכן געפרואווטע דויערהאפטיגקייט מאסנאמען און לייגן ניו יארק אין די בעסטע פאזיציע צו באשיצן אונזער עסן סופליי פאר די צוקונפט. איך בין שטאלץ צו העלפן פירן די וויכטיגע פראגראם און קאנגראטולירן די אלע באלוינטע פראיעקטן שטיצנדיג פארמס דורכאויס ניו יארק סטעיט, אריינגערעכנט אין קאלאמביא און אולסטער קאונטיס!"

**ניו יארק סטעיט ערד און וואסער קאנזערווירונג קאמיטע טשעיר דעיל שטיין האט געזאגט,** "א דאנק די צוזאמענארבעט צווישן די סטעיט און די קאונטי ערד און וואסער קאנזערווירונג דיסטריקטס, האבן מיר געזען גרעסערע פארשריט אין די באנוץ פון בעסטע פארוואלטונג פירונגען אויף אונזערע פארמס צו פארמינערן די ווירקונען פון קלימאט טויש און צו העלפן אונזערע פארמערס זיין בעסער צוגעגרייט פאר די וואקסנדע צאל פון שווערע וועטער געשעענישן וואס מיר לעבן אלע מיט. יעצט, מיט די הילף פון פעדעראלע געלטער, זענען אונזערע דיסטריקטס ערמעגליכט צו פארברייטערן זייער גרייכונג נאך ווייטער און נעמען אן נאך מער פארמס אין די פראגראם."
אוועקגעשטעלט אין 2015, שטיצט דער קלימאט-שטאנדהאפטיגע פארמינג פראגראם די סטעיט'ס אגריקולטורישע סעקטאר צו נאכקומען אירע ציהלן צו רעדוצירן קלימאט-שעדיגנדע גאז עמיסיעס און צו פארמערן די מאס פון קארבאן וואס ווערט אריינגעכאפט פון די לופט אויף פארם לענדער אונטער די סטעיט'ס קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ (Climate Leadership and Community Protection Act). ביז יעצט, דורך די פראגראם, מיט עקספערט טעכנישע שטיצע צוגעשטעלט דורך קאונטי oSWCD, האבן 580 פארמס געקענט איינפירן טוישונגען וואס געבן צו א פארמינערטע ענוויירעמענטאלע אפדרוק און פארמערטע שטאנדהאפטיגקייט צו די ווירוקנען פון א טוישנדע קלימאט. רונדע 8 פון די פראגראם שטעלט צו 16.14 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג פאר די פראיעקטן, אנהאלטנד מיט 16 מיליאן דאלאר אין רונדע 7 און א באדייטנדע פארמערונג פון 8 מיליאן דאלאר אין רונדע 6.

**גאווארנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו ערד און וואסער קאנזערווירונג דיסטריקטס**
אונטער די גאווארנער'ס פירערשאפט, שטעלט די 2025 פיסקאלע יאר בודשעט צו 81.8 מיליאן דאלר דורך די ענווויראמענטאלע באשיצונג קאסע, ביז 4 מיליאן דאלאר פון לעצטע יאר, פאר אגריקולטורישע פראגראמען און איניציאטיוון, אזוויי די קלימאט שטאנדהאפטיגע פארמינג גרענט פראגראם, וואס העלפט פארמס איינצופירן ענוויראמענטאלע דויערהאפטיגע פירונגען און באקעמפן קלימאט טויש. דאס נעמט אריין קאפיטאל אינוועסטירונגען וואס ערד און וואסער קאנזערווירונג דיסטריקטס איבערזיכטן, אזוויי שטיצן מיליכע פארמערס איינצופירן פראיעקטן וואס פארבעסערן אפפאל פארוואלטונג סיסטעמען וואס באזייטיגן קארבאן און קאנסערוו אפפאל נוטריענטס געגעבן צו פעלדער און ערד צו בענעפיטירן וואסער קוואליטעט און פארמינערן גרינהאוז גאז עמיסיעס. עס נעמט אויך אריין לעצטיגע פינאנצירונג אין די מזרח פינגער לעיקס וואסערלויף וואס גאלוואניזירט איינפירונג פון די פלאנער און פראגראמען צו אדרעסירן אויף-די-ערד שריט וואס איז נויטיג צו פארמינערן נוטריענט פארפעסטיגונג און שעדיגנדע אלגאל בליאונגען (harmful algal blooms, HAB), פארמיידן אפפלויף, באשיצן טרינק וואסער און שטיצן לאקאלע פארמערס.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד-פירנדע קלימאט פלאן**
ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז א מינימום פון 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע איניציאטיוון, שטופט ניו יארק פאראויס א רייע פון באמיאונגען – אריינרעכענענדיג דער ניו יארק עמיסיע באגרעניצונג אינוועסטירונג ( New York Cap-and-Invest, NYCI) פראגראם און אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – צו דערגרייכן א 40 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און א 85 פראצענט רעדוקציע ביז 2050, אראפ פון די שטאפלען וואו עס איז געווען אין 1990. ניו יארק איז אויך אויף די רעלסן אין ריכטונג פון אנקומען צו אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ענערגיע ווערנדיג אויפגעטריבן פון ריינע מקורות ביז 2030, און צו אנקומען צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג מער פון 28 ביליאן דאלאר אין 61 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע איניציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק (NY Green Bank) פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 170,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2022 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די דיסטריביוּטעד סאלאר סעקטאר זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. פארטנערשאפט גייען ווייטער אן צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס קלימאט שריט מיט מער פון 400 רעגיסטרירטע און מער פון 150 באשטעטיגטע קלימאט-קלוגע געמיינדעס, איבער 500 ריינע-ענערגיע געמיינדעס, און די סטעיט'ס גרעסטע געמיינדע לופט נאכפאלגונג איניציאטיוו אין 10 פארנאכלעסיגטע געמיינדעס דורכאויס די סטעיט צו העלפן ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן